ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# ישראל וקדושתו

אידיש

638

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ישראל וקדושתו

אין דיזען ספר ווערט ערצייהלט וואונדערליכע מעשיות, פון דיזע צדיקים וואס ווערען דא אויסגירעכענט, מיר האבען דאס גידרוקט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש זאל קענין לייענען, און וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו, און זיך אפצולערנען, וויא אזוי צו דינען השי"ת:

א׳ פון הצדיק הקדוש ר׳ ישראל בעל שם טוב.

ב) נאך פון הצדיק בעל שם טוב זצ"ל

ג) פון הצדיק המגיד מקאזיניץ זצ"ל

ד) פון הצדיק ר׳ ישראל מריזשין זצ"ל.

ה) פון הצדיק ר׳ ברוך ממעזיבוש זצ"ל

ו) פון הצדיק הרבי ר זישא זצ"ל

ז) פון הצדיק ר׳ יהושע העשיל מאפטא זצ"ל

ח) פון הצדיק ר׳ פנחס מקאריץ זצ"ל

# ישראל וקדושתו

## אוּוּנדערליכע מעשה פון דעם הייליגן צדיק ר׳ ישראל בעל שם טוב זצל״ה:

איידער דער בעש״ט איז בעוויסט געווארין אויף דער וועלט איז ער געוועזן מלמד אין אדארף ביא איין ארענדאר. דער ארענדאר האט אים זייער גרויס עהרע צו געטהיילט וויל ער האט גיזעהן אז ער איז זייער איין ערליכער אונ איז שטארק אבגעהיטען ביא אלעס. האט דער בעש״ט גיבעטין זיין בעה״ב ער זאל אים אויף בויען אשטיבל אין וואלד ער זאל דארט לערנין מיט זיינע קינדער עס זאל זיא קיינער נישט שטערען פון לערנין האט ער אים צוליב געטוהן אמאהל איז ער אהיים בעגאנגין מיט׳ זיינע תלמידים עסין. וויא זיא זענין גיקומין נעבין דער שטוב האט ער געהערט זייער אביטער גיוויין. זענין זיא ערשראקין גיווארין. וויא זיא זענין אריין גיקומין אין שטוב האבין זיא גיזעהן אז דער ארענדאר מיט זיין וויב וויינין. פרעגט זיי דער בעש״ט נאך וואס וויינט איר? האבין זיא אים דערציילט אז עס איז געקומין זייער אשלעכטער מאן צום ארון פון דארף אונ גיבט אים פיל מעהר פאר דעם דארף. האט דער ארון צו אים געשיקט זאגין אז אויב ער וועט אים אזוי פיל געבין וויא פיל מען גיבט יעצט איז ער בילכער. אויב נישט וועט ער פערדינגין צו דעם וואס גיבט מיין. דער בעש״ט האט זיא גיטרייסט אונ האט זיא גיזאגט אז נאך מיטאג׳ם וועט ער אליין גיין צו דעם שלעכטין מאן אונ וועט מיט אים רעדין. אונ מיטין אויבערשטינס הילף וועט ער זיכער פועלין ער זאל נישט אויס דינגין דיא ארענדע. עס איז אזוי גיוועזן. ער איז גיגאנגין צוא אים אונ האט מיט איהם גירעט זייער מיט גוטין ער זאל נישט טוהן אזא גרויסע זונד. דען דער בעה״ב האלט שוין דיא ארענדע פיל יאהרין אונ ער איזט בעפאלין מיט קליינע קינדער וועלכים זייער גאנץ לעבין איז נאר פון דער ארענדע. אבער דער שלעכטער מאן האט אים גאר נישט געוואלט הארכין. וויא דער בעש״ט איז אוועק גיגאנגין איז ער צו גיגאנגין אונ האט אהנגיקלאפט ביא דעם פענסטער. איז דער שלעכטער מאן צו גיקומין צום פענסטער. זאגט דער בעש״ט צו אים איך זאג דיר צו אז דיא וועסט דיא ארענדע זיכער נישט דינגין. האט ער זיך פון אים אויס גילאכט אונ איז באלד גיגאנגין צום ארון אים בעטין ער זאל מיט אים מאכין א קאנטראקט. האט דער ארון אים גיענטפערט אז יעצט איז ביא אים דא גרויסע געסט זאל ערווארטין ביז נאך זייער אב פאהרען וועט ער אב שרייבין דיין קאנטראקט. דער ארון האט אים אויפגענימין מיט א גלעזיל גוטין מעד

און

און האט אים געזאגט אז ער זאל זיך דער וויל גיין אפרוהען. און וויא דיא געסט וועלין אבפאהרין וועט ער אים רופין. ער האט אזוי געמאכט מען האט אים גיעפינט דעם גארטין און ער איז זיך געגאנגען לייגן שלאפין. נאכדעם וויא דיא געסט זענין אבגיפאהרין האט דער אדון געשיקט זיין דינער אויפוועקין אים. אבער ער קלאפט אלאנגע צייט און מען ענטפערט קיינער נים האט ער געמוזט אריבער קריכין איבער דעם גארטין. און ער הייבט אים אהן צו וועקין אבער ער ענפערט נישט. דען עס איז אים אפגענומין געווארין זיינע הענד און פים מיטן מויל און ער האט זיך נישט גיקענט רוהרין ר"ל. מען האט אים ארויף געווארפין אויף א וואגין און אים אהיים גיפירט. דער נאך איז דער ארענדאר פערבליבין אויף דער פויערדינער פרייז בייא דער ארענדע. און דער שלעכטער מאן איז אזוי קראנק געווען פיל יאהרין ביז דער בעש"ט איז בעוויסט געווארין אויף דער וועלט. היא דער קראנקער האט דאס גיהערט האט ער געוויזין זיין הויז געזינד אופין ווינק אז זייא זאלין אים פירען צום בעש"ט דען דאס אלס נעמט זיך פון אים. האט מען אים אהין געפירט. האט דער בעש"ט געזאגט אז ער איז נישט ווערט געהיילט צו ווערין נאר וויל ער איז בעפאלין מיט קליינע קינדער וועט ער אים היילין געגצליך. און וויל ער האט זיך גילאזט היילין מיט כוחות הטומאה האטש עס האט אים נישט געהאלפין וועט ער פאר דאס מוזין גיין אויף אשטעקעלע. און עס איזט אזוי געווען. פון דאנען קען מען זיך ארויס נעמין אמוסר אז מען טאר אייגער נישט צו נעמין דעם צווייטינס פרנסה און דעם זכות וועלין מיר אוים געלייזט ווערין. אמן:

# נאך אווינדערליכע מעשה פון הבעש"ט הקדוש וצוקלל"ה:

דער בעש"ט איז אמאהל גיקימין אויף שבת קיין בראד. און דאס איז דאך בעוויסט אז מען האט דאמאלס נים אזוי גיגלייבט אין דעם בעש"ט. האט אגרויסער גביר בייא זיך גיטראכט איך וועל דעם בעש"ט אים פריווין דען איך הער דאך אז זיינע חסידים דערציילין פון אים גרויסע ווינדער. איז בייא דעם גביר געוועזין אקעלער פון זייער גוטע ווייגין. נאר אין איין ווינקעל איז געוועזין יין-נסך פיר קריסטין וועגין. האט ער געזאגט צו זיין דינער גייא אין קעלער אריין און נעם מיר ארויף פון דעם ווינקיל א פלעשיל וויין. און זאלסט מיט דעם וויין גיין צום בעש"ט און אים איבער געבין צום בעש"ט און דער האנד אריין. נים צו קיין אנדערין מענטש פון

זיינע

# ישראל וקדושתו

זיינע משמשים . און זאלסט אים זאגן אז איך האב אים גישיקט דעם וויין . ער איז זייער גוטער וויין . דריבער פערלאנג איך אז ער אליין זאל פון דעם וויין טרינקען . און דיא זאלסט דערביא שטיין ביז דיא וועסט זעהן אויב ער וועט אליין טרינקען דעם וויין זאלסטו מיר דאמאלס קומין זאגין . דער דינער האט אזוי גיטוהן . און ער האט זיך גישטעלט פון וויטינס צו זעהן וואס דא וועט זיין . האט ער גיזעהן וויא דער בעש"ט האט גיעפינט דאס פלעשיל און האט אבגינאסין און אגלעזיל אריין א ערך פון א האלב גלעזיל וויין . דער נאך האט ער אויף געהויבין דאס גלעזיל אקייגין דעם פענסטער און אריין גקוקט דערינען . אזוי האט ער געטוהן דרייא מאהל . דער נאך האט ער גיטרונקין דעם וויין . איז דער דינער באלד גיגאנגין צום גביר און האט אים ערצעהלט וויא ער האט זעלבסט גיזעהן אז דער בעש"ט האט דעם וויין גיטרינקין . וויא דער גביר האט דאס אויס געהערט האט ער געכאפט אנעקלאנג אויף דער גאנצער שטאט אז דער בעש"ט האט יין=נסך גיטרונקין . ער האט זייא אללעם ערצעהלט פון אנהייב ביז ענדע . בקיצור דיא גאנצע שטאט האט גערוישט אזוי וויט אז אפילו אינטער דעם בעש"ט'ס שטוהל זענין געשטאנין מענטשין און איינער האט דעם צווייטין איינגערויכט אין אייער אז דער בעש"ט האט געטרונקין יין=נסך . ביז דער בעש"ט האט דאס דערהערט . נאר ער האט אלס גישוויגין . וויא עס איז גיקיבין נאך דעם בענטשין און דיא שטוב איז גיווען פול מיט מענטשין פון עק צו עק . האט דער בעש"ט געשיקט רופין דעם גביר . איז ער געקומין צו גיין . זאגט דער בעש"ט איך האב געהערט אז דיא האסט אויף מיר ארויס גילאזט א קול אז איך האב געטרונקין יין=נסך . ענטפערט דער גביר דיא זאך איז וואהר . דען איך האב עקסטרע אייך געשיקט א פלעשיל יין=נסך צו פרובין אייך אויב איר וועט אים טרינקען . פרעגט אים דער בעש"ט צו האסטו אליין ארויס גענימין דעם וויין פון קעלער און מיר גישיקט ? ענטפערט ער נישט איך אליין האב גענימען נאר איך האב געשיקט מיינס א דינער און האב אים אנגיזאגט אז ער זאל נעמין אפלעשיל פון דעם וויין וואס שטייט אין ווינקיל וואס דארט שטייט יין=נסך און זאל אים צו אייך טראגין . זאגט דער בעש"ט צום גביר . שיק נעך אהער ריפען דיין דינער . און דיא זאלסט דא בייא מיר שטיין ביז ער וועט קימען און וועט דער ציילין וויא אזוי עס איז גיווען . דער דינער איז גיקימען צו גיין פרעגט אים דער גביר פין וואנען האסטו גענימען דעם וויין ? ענטפערט ער פין דעם און דעם ווינקיל וואס איר האט מיר גיזאגט און ער האט אים גיגעבין א ווארט צייכין למשל אויף מזרח זייט אדער

מערב

# ישראל וקדושתו

סעדב זייט וואס דארט איז פינקט גישטאנין כשרער וויין. איז דעם גביר'ס פנים בלאס גיווארין פאר גרוים בושה אונ ער האט אנגיהויבין שעלטין דעם דינער אונ זאגט איך האב דאך דיר גיזאגט אז זאלסט נעמין פון דעם ווינקיל פאר וואס האסטו מיך נישט גיפאלגט. האט זיך דער דינער גישווארין וויא ער האט אליין געהערט אז ער האט אים געהייסין נעמין פון דעם ווינקיל וואס ער האט גענימין. איז דער גביר ארויס גיגאנגין מיט גרוים שאנדע וואס עס איז אים נישט אויס געפירט גיווארין זיין מחשבה. פון דאנען קענין מיר זיך ארויס נעמין א מוסר אז מען טאר נישט נאך קלערין נאך קיין שום צדיק. דען דער צדיק זעהט אלעם מיט זיין הייליגען גייסט. זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אונ צו אלע יודין אמן:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם בעש"ט הקדוש וצוקלל"ה:

**אונ** דער שטאט טארניפאל האט דער בעש"ט געהאט אויף זיך מיט זיינע חסידים פיל מתנגדים. האט זיך דאמאלס גיטראפין אגרויסין גביר'ס א זוהן איז משוגע גיווארין. מען האט גיברענגט פיל גרויסע דאקטורים צו אים אבער זייערע אלע מעדיצינין האבין אין אים קיין שום איינדריק נישט געמאכט נאר דעם גביר'ס ווייב האט אים קיין רוה נישט גיגעבין אונ זיא האט צו אים גיזאגט דו הערסט דאך אז דיא גאנצע וועלט ריהמט דעם בעש"ט אז ער טוהט ווינדערליכע זאכין. דריבער וועלין מיר צו אים פאהרין מיט אינזער זוהן טאמער וועט ער אים קענין היילין פון זיין שגעון. האט ער זיא נישט גיוואלט הארכין דען ער האט נישט גיגלייבט אין דעם בעש"ט. וויא עס איז אוועק גיגאנגין נאך אצייט האט דער גביר גיזעהן אז עס ווערט אלס ערגער. האט דער גביר גיבעטין דיא רעשט נבירים אויך גרויסע לייט אז מען זאל אפ שרייבין אבריף צום בעש"ט אז זייא פערבעטין אים קיין טארניפאל אויף איין שבת. אונ ער וועט אים צו זיך ארויין נעמין אויף זיינע הוצאות. ווייל עס איז אים זייער אשאד גיוועזין זיין טהייערער זוהן וואס ער איז גיוועזין אגרויסער למדן אויך געבילדעט אונ אנדערע קענטשאפטין. האבין אים דיא נבירים צוליב נעטוהן דען ער איז גיוועזן זייער א חשיבער מאן. מען האט געשיקט נאך דעם בעש"ט אונ ער איז געקומין אויף שבת קיין טארניפאל צו דעם גביר. דער סדר פון בעש"ט פלעגט זיין אז מען האט צו אים גיברענגט א משוגענעם

פלעגט

פלעגט ער אוים זעצן א בעזונדערע צייט וואס ער פלעגט מיט אים רעדן. אונ אז ער האט מיט אים אזוי גירעדט עטליכי טאג איז ער געזונד געווארן. אזוי האט ער דעם גביר'ס זוהן אויך אוים געזעצט א צייט צו ריידן מיט אים. אונ דער משוגענער איזט גיזעסן איינגיזעצט אין אבעזונדערע שטוב. אונ א היטער איז גיזעסן צו היטן אים ער זאל קיין שאדינס ניט טוהן. ווייא דער היטער האט אים גיברענגט פאר דעם בעש"ט איז ער איבער דער גאנצער צייט גישטאנין פארן בעש"ט מיט גרוים פארכט ער האט גאר קיין היטער נישט געברויכט. אונ וואס דער בעש"ט האט אים גיפרעגט האט ער גיענטפערט גלייך וויא יעדער מענטש. ווייא עס איז געקומין פרייטאג האבין זייא גיפרעגט דעם בעש"ט וואס פער אפלייש ער פערלאנגט אויף שבת. האט ער גיענטפערט אז מען זאל ריפין דעם שטאדט-שוחט ער זאל שעכטין א גוט שעפסיל. האט מען אזוי געטוהן. נאך דעם שעכטין האט דער בעש"ט גיזאגט צום שוחט איך וועל אליין גיין באדקינין דיא לינג אינע-ווייניג. נאך דעם באדקינין האט דער בעש"ט גיזאגט אז דיא לינג איז גליאט. באלד דער נאך איז דער בעש"ט גיגאנגין אין באד אריין. אונ דער שוחט איז דערווייל אריין גיגאנגין אין שטיב אריין ביז מען וועט אפ שינדין דאס שעפסיל וועט ער ארוים נעמין דיא לינג צו באדקינין וויא דער דין איז. וויא דער אפשינדער האט ארוים גינומין דיא לינג אונ גיגעבין זיא דעם שוחט. האט דער שוחט גיפינין א לעכעלע אין דער לינג וואס צוליב דעם איז דאס שעפסיל טרפה. וויא דער שוחט האט דאס גיזעהן האט ער גיווארט ביז דער בעש"ט וועט קומין טאמער וועט ער הייסין שעכטין א אנדער שעפסיל. וויא דער בעש"ט איז אהיים געקומין האט מען אים געוויזין אז אין דער לינג איז דא אלעכיל. האט דער בעש"ט גיזאגט מען מעג דאס שעפסיל עסין. אונ דער פון זאל מען קאכין אויף שבת. דער שוחט איז אהיים גיגאנגין אונ האט דער צייט דער גאנצע שטאט דיזע ווינדערליכע געשיכטע. אלע וואס האבין פין דעם בעש"ט נישט געהאלטין בפרט דער רב וואס ער איז אפילו נישט געגאנגין דעם בעש"ט שלום געבין האבין זיך דערויף זייער געפרייט. מען האט שוין אהנגעהויבין אריין קלערין וואס צו טוהן. איז אב גיקלערט גיווארין אז נאך דעם דאווינין צו מארגינ'ס זאל מען זיך פערזאמלין צום בעש"ט אונ דער רב זאל אויך זיין דערבייא צוא האבין א ויכוח מיט דעם בעש"ט. זיינע שאנדע זאל אנפלעקט ווערין פער פיל מענטשין זייא האבין אזוי געטוהן. דער רב איז מיט אלע גרוסע לייט געקימען אויף דער סטאנציע פון בעש"ט אונ דער בעש"ט איז נאך דאמאלס גיוועזן בייא דעם דאווינין. דער רב האט זיך גיזעצט אויבין

# ישראל וקדושתו

אין אויף דעם בעש"ט'ס שטוהל אונ אלע מתנגדים זענין געזעסין ארום דעם טיש . אונ זייא האבין געווארט אויף דעם בעש"ט . וויא דעם משוגענים'ס היטער האט געזעהן אז עס איז דא אפילע שטוב מענטשין אויך אן'אלטער מאן זיצט אויף דער שטוהל האט ער געמיינט אז דאס איז דער בעש"ט דען עס איז זיכער געקימין דיא צייט אריין צו פירין דעם משוגענים . אונ דאס האט דער היטער געוויסט אז וויא באלד דער משוגענער קימט אריין אין שטוב אונ זעהט דעם בעש"ט שטייט ער בערוהט גלייך וויא יעדער געזונטער מענטש . דעריבער האט ער גענימען דעם משוגענים אונ האט אים אריין געפירט אין שטוב אריין . אונ ער איז זיך אוועק גיגאנגין . וויא דער משוגענער האט גיזעהן אז דער בעש"ט איז נישט דא נאר דער רב זיצט אויף דער שטוהל האט ער אנגעהובין ארים דרייען זיך בייא דעם טיש . אונ האט גירעט פיל משוגענע רייד אין דער מיטן האט ער דערציילט אז נעכטין נאך דעם וואס מען האט גישאכטין דאס שעפסיל אונ דער בעש"ט האט עס גיבאדקינט איז ער אוועק גיגאנגין אין באד אריין . אונ דער שוחט איז דערווייל אריין גיגאנגין אין שטיב אריין איז דארט קיינער נישט גיוועזן אויף דעם הויף האב איך גענימין אקיילעכדיג רעדיל אונ האב געמאכט אנגיט לעביל אין דער לינג . וויא דער רב מיט אלע גרויסע לייט האבין דאס גיהערט זענין זייא דערציטערט גיווארין אונ זענין באלד אנטלאפין גיווארין ווארין זייא האבין מורא געהאט דער בעש"ט זאל נישט אהן קומען . פין דאנין קען מען זעהן דאס גרויסקייט פון דעם בעש"ט זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אמן :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם בעש"ט הקדוש זצוקלל"ה :

אין דעם בעש"ט'ס צייטין איז גיוועזין א דארפ'ס מאן וועלכער פלעגט ראש השנה אונ יום כיפור שטענדיג דאווענין אין דעם בעש"ט'ס בית המדרש ער האט געהאט איינגיל וואס איז גיוועזין שטארק פערגרעבט ער האט נישט גיקאנט זיך אויסלערניז דיא צורה פון דיא אותיות . אפילו נאך זאגין קיין קדושה אדער ברכו ח"ו אבי דאויך נישט גיקענט . דריבער פלעגט אים זיין פאטער נישט מיט נעמין אין שטאט אריין אין דיא הייליגע טעג . נאר וויא ער האט אנגעהויבין תפילין צו לייגין האט אים זיין פאטער מיט גענימין אויף יום כיפור אין שטאדט אריין אפצוהיטין אים ער זאל אום יום כיפור נישט עסין . דאס יונגיל האט געהאט א פייפיל וואס ער פלעגט

דער

# ישראל וקדושתו

דער מיט פייפן ווען ער האט גיפאשיט דיא שאף. האט ער דאס פייפיל מיט געגימין אין זיין פאטער האט דערפין נישט געוויסט. דאס יונגיל איז גיזעסין ביא נאכט אונ ביא טאג וויא אשטימער בעוויל ער האט נישט גיוויסט וואס צו זאגין. וויא עס איז געקומין צו מוסף זאגט ער טאטי! איך האב מיר מיט גענימין מיין פייפיל וויל איך געבין א פייף. האט זיין פאטער אים אהן געשריגין ער זאל אזוי נישט טוהן דען מען טאר נישט. האט ער זיך געמוזט איינהאלטין. ביא מנחה זאגט ער ווידער טאטי לאז מיך געבין א פייף. האט אים זיין פאטער שטארק אנגעשאלטין אונ אנגיזאגט אז ער זאל זיך נישט דערוועגין צו פייפען. אבער צו נעמין ביא אים האט ער נישט גיקאנט ווייל מען טאר דאך עס נישט נעמין אין דער האנד אריין. נאך מנחה האט ער ווידער גיבעטין זיין פאטער ער זאל אים לאזין געבין א פייף. וויא זיין פאטער האט גיזעהן זיין גרויס לוסט צום פייפען פרעגט ער אים וויא האסטו דאס פייפיל? האט ער אים געוויזען. האט זיין פאטער שטארק צו געהאלטין דיא קעשענע מיט'ן פייפיל אונ ער האט אזוי גידאווינט מנחה אונ נעילה אונ ער האט צו געהאלטין דאס פייפיל. אונ מיט'ן נעילה האט דאס יונגיל מיט גרויס קראפט ארויס גישלעפט דאס פייפיל אונ האט גיגעבין א הויכין פייף. האבין זיך אלע פערווינדערט דערויף נאך דעם האט דער בעש"ט אבגידאווינט פריער וויא אלע יאהר. אונ נאך דעם דאוינין האט דער בעש"ט גיזאגט אז מיט דעם קול פון דעם פייף האט ער אויף גיברענגט אלע תפילות אונ האט מיר פערגרינגערט. נאך האט ער גיזאגט אז דיר אורזאכע איז ווייל ער וויסט דאך גאר נישט וואס צו דאווינין אונ וויא ער האט גיזעהן אז יעדער דאווינט אגאנצין טאג האט אין אים אנגעהויבין ברענען דער פינק פון יודישקייט אונ פאר גרויס לוסט צום איבערשטין האט ער זיך נישט געקאנט אויף האלטין פון צו פייפען ער זאל דער מיט דינען השי"ת. אונ בעוויל ער האט דאס געמיינט מיט זיין גאנצין הארצען איז עס אנגענימען גיווארין פאר השי"ת גלייך וויא ער וואלט אויך גידאווינט א גאנצין טאג. אונ דורך דעם האט ער אויף גיברענגט אלע תפילות. פון דאנען קען מען זעהן וויא געעהרט עס איז ביא השי"ה אז א מענטש איז מכוין זיין הארץ צו גוטען ער זאל דינען דעם אייבערשטין בזכות זה וועלין אונזערע גיבעט אויך אנגענימען ווערין. אונ מיר וועלין וויא צום געכסטין אויס געלייזט ווערין אמן:

# ישראל וקדושתו

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם בעש"ט הקדוש זצוקללה"ה:

דער בעש"ט האט זיך אמאהל שטארק פערקלערט אונ איז אזוי נעגאנגן אונטער וועגנים דריא טאג מיט דרייא נעכט. ער האט גאר נישט געוויסט אז ער בלאנדזיט אראפ פון וועג. דער נאך האט ער זיך ארום געקוקט האט ער גיזעהן אז ער איז אין אגרויסען סטעפ. האט ער זיך שטארק פערוואונדערט דערויף דען עס איז זיכער נישט קיין פוסטע זאך. אין דעם קימט צו קריכען א גרויסע שרעקליכע דזשאבע וועלכים ער האט נישט דערקענט וואס פאר א בעשעפעניש דאס איז. פרעגט ער זיא ווער ביסטו? האט זיא גיענטפערט איך בין א תלמיד חכם אונ דורך מיינע גרויסע זינד בין איך פערשילדיגט געווארין מגולגל צו ווערין אין דער דזשאבע איך זאל קיין תיקון נישט האבין. בין איך שוין אין איהר פינף הונדערט יאהר. פרעגט אים דער בעש"ט וואס איז דיין זונד? האט ער גיענטפערט אז איין מאהל האט ער זיך נישט געוואשין וויא דער דין איז. האט דער שטן אויף אים גירעט שלעכין אין הימעל. האט מען אים גיענטפערט אז מען קען אים וועגין דער איינע זונד נישט בעשולדיגין. נאר אויב דיא קענסט אים ברענגין צו נאך זונד וועט אים דאס אויך גירעכינט ווערין. האט ער אים אנגירעט צו נאך א זונד אזוי צו אצווייטע אונ אדריטע ביז ער האט עובר גיוועזן אויף דער גאנצער תורה. איז ער פערשולדיגט גיווארין אז זיין תשובה זאל נישט אנגענימען ווערין. נאר ער זאל פארט גיוועזן תשובה טוהן וואלט מען עס גיוועזן אנגענימען אין הימעל. דען קיין שום זונד איז נישט פערהאנדין וואס תשובה זאל נישט דערצו פועלין. האט אים דער שטן אנגירעדט אונ ער איז גיווארין א גרויסער שיכור אז ער האט קיינמאל נישט גיקאנט תשובה טוהן. האט ער דורך דעם עובר גיוועזן אויף אלע זונד. אונ ווייל זיין ערשטע זונד האט זיך גענומען פון נישט וואשין זיך וויא מען ברויך. דעריבער איז ער נאך זיין טויט מגולגל גיווארין אין א דזשאבע וואס זיא ליגט שטענדיג אין וואסער. אונ ער זאל זיין אויף א ארט וואס מענטשין קימין נישט דארטין. דען אז א יוד זאל דארט זאגין וועלכע הייליגע ווערטער וואלט דאס צו אים גיוועזן א תיקון. האט דער בעש"ט אים מתקן גיוועזן ביז דיא דזשאבע איז גיפייגערט. פון דאנין קענין מיר זעהן דאס גרויס קייט פון וואשין זיך וויא דער דין איז. דען אז מען וואשט זיך נישט וויא מען ברויך האט מען א גרויסען שטראף ר"ל. אבער אז מען וואשט זיך וויא דער דין. איז עס אסגולה צוא גרויס רייכקייט אונ פיל גוטס:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם בעש"ט הקדוש זצוקלל"ה:

דער שפייגער פון בעש"ט איז גיוועזן אז ער פלעגט פאהרין אונטער וועגינס האט ער מיט גענומען זיין תלמיד ר' וואלף קוצעס. איין מאהל האט דעם בעש"ט'ס ווייב גיבעטין ער זאל גיט אכטונג געבין אויף אלע זאכין וואס עס וועט זיך פאסירען אויפין וועג אונד ער זאל איר דערציילין. האט ער זיא גיפאלגט. וויא זייא זענין צוריק געקומין האט ער דערציילט. אז זייא זענין געקומין אין אדארף אריין צו איוד. האט זיך דער בעש"ט געהייסין גלייך געבין אכטצעהן רובל. דער יוד איז אבער גיוועזן א גרויסער ארימאן האט ער נישט געהאט אים צו געבין. נאר ווייל דער בעש"ט האט אים שטארק גיזאגט דערצו איז, ער גיגאנגין אויף דעם דארף אונ האט פערקויפט זיין קוה מיט נאך עטליכע זאכין אונ האט גיברענגט אכטצעהן רובל. דער בעש"ט איז באלד אוועק גיפאהרין פון דעם דארף אונ האט גאר נישט גירעט. אין אפאהר טאג ארום האט דער אדון פון דארף גיפאדערט בייא דעם יוד דאס געלד פאר דער ארענדע האט ער נישט געהאט צו בעצאהלין. האט דער אדון אים געהייסין ארויס ווארפין פון זיין הויז מיט אלע זיינע זאכין. איז אזוי גיטוהן געווארין. אונ ר' וואלף קוצעס האט דאס געהערט אויפין וועג נאר ער האט אבער גיגלייבט אונ זיין רבי דער בעש"ט אז וואס ער טוהט איז רעכט. דאס אלץ האט ער דערציילט דעם בעש"ט'ס ווייב. וויא דער יוד האט גיזעהן אז דאס אומגליק יאגט אים אין אלע זייטין אונ ער וועט דא שוין נישט קענין וואהנין. איז ער מיט זיין הויז גיזונד געפאהרין אין א אנדער דארף אריין אונ זייא האבין זיך דארט בעזעצט. דער נאך האט ער פערקויפט דיא רעשט שטוב זאכין אונ האט זיך געקויפט אקוה דערפין האט ער זיך מיט זיין הויזגעזינד גישפייזט. פלוצלינג איז קאליע גיווארין בייא דעם אדון פון דארף דיא מילך פון דיא קוה. זענין דעם אדונ'ס קנעכט גיגאנגין אויפין דארף קויפין מילך האבין זייא פונקט אריין גיטראפין צו דעם יוד אונ האבין בייא אים געקויפט דיא מילך פון זיין קוה. וויא דער אדון האט דיא מילך פערזיכט איז זיא אים זייער געפעלין. דען ער האט גיזאגט אז ער פיהלט אין איר אלערלייא גוטע טעמים פון דער וועלט. האט ער זיינע קנעכט גיפרעגט וויא זייא האבען גענימין דיא מילך. האבין זייא אים גיזאגט אז עס איז אין דעם דארף פערהאנדין א יוד וואס וואהנט נישט קיין לאנגע צייט אין דארף האבין זייא בייא אים גיקויפט דיא מילך. האט ער גישיקט ריפין דעם יוד. איז ער געקומין צו גיין אונ ער האט אים דערציילט דיא אורזאכע וואס

ער

# ישראל וקדושתו

ער איז דאדורך גיוועהן געצווינגען צו בעזעצין זיך אונ דיזען דארף האט דער אדון גענעבין א בעפעהל אז מען זאל אלע טאג נאר קויפין מילך בייא דעם יוד. אונ האט אים צו גיזאגט א גוטע פרייז ער זאל האבין פרנסה. דער אדון פלעגט אלע טאג מיין פערגניגען האבין פון דעם יודי'ס מילך. ביז דער יוד איז בייא אים גאר גרויס גיווארין. אונ דער אדון האט קיין קינדער ניט גיהאט האט ער פאר גרויס ליבשאפט וואס ער האט דעם יוד ליב גיהאט אים גיגעבין א קאנטראקט אז ער שענקט אים אוועק דאס דארף מיט דער שטאט וואס איז נעבין דעם דארף. דער אדון האט גיהאט פיל שטעט איז ער אויף זיין עלטער אוועק גיפאהרין קיין אויסלאנד. אונ האט זיך אבגעשיידט פון דעם יוד מיט גרויס פריינדשאפט. אין אצינד ארום האט דער בעש"ט גישיקט זיין תלמיד אויף דער וועלט ער זאל צו זאמין נעמין אפאר הונדערט רענדליך אוים צו לייזין גיפאנגענע. דער ר' וואלף האט צו זאמין גימאכט אגרויסע סוממע געלד. נאר פון דעסט וועגין האט אים פעהלט דרייא הונדערט רוביל. איז ער אריין געקומין אין אשטאדט אריין אונ איז איינגעשטאנין בייא דעם רב. דעם זעלבין טאג האט זיך דער רב אנגעטוהן יום טוב׳דיגע קליידער אונ איז גיגאנגין מיט אלע גרויסע לייט פון שטאט מקבל פנים זיין דעם נייעם אדון פון שטאט. אונ ער האט אויך גיפרעגט ר' וואלפין אויב ער וויל מיט אים גיין צום נייען אדון וואס ער איז א יוד. טאמער וועט ער אים גיפעלין וועט ער אים געבין אשיינע סוממע געלד. איז ר' וואלף אויך מיט גיגאנגין. ווייא זייא זענין אריין געקוממין צום אדון האט ער ר' וואלפין אויף גענומין מיט גרויס ליבשאפט. אבער ר' וואלף האט אים נישט דערקאנט. נאכדעם ווייא דער אדון האט אבגירעדט מיט דעם רב אונ מיט דיא גרויסע לייט האט ער ר' וואלפין אריין גענומען אין א בעזונדערין צימער אונ האט אים דערציילט ווער ער איז אונ וויא אזוי עס האט זיך מיט אים פאסירט פון דער צייט אהן וואס דער בעש"ט איז פון אים אוועק גיפאהרין. אין ער האט אים גיגעבין דיא גאנצע דרייא הונדערט רוביל מיט גרויס דאנק. ווייא ר' וואלף איז צוריק געקומין אונ האט דעם בעש"ט דערציילט פון דעם יוד. האט אים דער בעש"ט גיזאגט יעצט וועל איך דיר דערציילין. נאך וואס איך האב בייא אים גענומין דיא אכטצעהן רובל. דען איך האב גיזעהן אז עס שיינט אויף אים אגרויס גליק נאר עס איז אבער נישט מעגליך דאס זאל זיין אין דעם דארף דעריבער האב איך מיר געד גיעהייסין געבין דיא אכטצעהן רוביל וואס דאדורך איז ער נאך מיין פעדארימט גיווארין אונ האט זיך געמיזט בעזעצין אין א אנדער דארף אונ דארט

# ישראל וקדושתו

**דארט** האט אים אהן געהויבן צו גליקען. זיין זכות זאל אונז ביא שטיין אונ צו אלע יודין אמן סלה:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם בעש"ט הקדוש וצוקלל"ה:

**דער** בעש"ט ז"ל האט פאר זיין פטירה געשיקט צו זאמין ריפין אלע זיינע תלמידים אונ האט יעדען אנגעזאגט מיט וואס זייא זאלין זיך בעשעפטיגין. אטייל פון זייא האט ער ענטדעקט וויא אזוי עס וועט מיט זייא דער גיין. צווישין זייא איז גיוועזען אייגער מיט'ן נאמין ר' יעקב וועלכער פלעגט דעם בעש"ט בעדינען. האט אים דער בעש"ט אהן גיזאגט זאלסט ארום פאהרין אויף דיא אלע ערטער וואס מיין נאמין איז דארט בעקאנט אונ זאלסט דערציילין ווינדערליכע געשיכטעס פון מיר וועסטו דיך דערפון דערנעהרין. דיזע זאך האט ר' יעקב'ין זעהר גיקרענקט דען ער האט גיקלערט איז דיען דאס א צוועק ארום צו שלעפין זיך אויף דער וועלט מעשיות צו דערציילין. נאר דער בעש"ט האט אים צו געזאגט אז ער וועט דער פון גליקליך ווערין. אלע תלמידים האבין גיפאלגט דעם בעש"ט אזוי ווי ער האט זייא אנגיזאגט. אונ אונזער ר' יעקב איז זיך ארום גיפאהרין אויף דער וועלט מעשיות דערציילין פון בעש"ט אונ ער האט שטארק געגליקט:

**אונ** א צייט ארום הערט אונזער ר' יעקב אז אין איטאליא געפינט זיך א גביר וואס צאהלט ארענדיל פאר איין געשיכטע ערצעהלין. האט זיך ר' יעקב בעקלערט ער וועט אהין פאהרין אים דערציילין ווינדערליכע געשיכטעס פון בעש"ט וועט ער רייך ווערין און וועט נישט ברויכין ארום פאהרין. ער האט זיך באלד גילאזט פארין קיין איטאליא אונ זיין וועג האט גידויערט זיבען מאנאטען. ביז השי"ת האט אים געהאלפין ער איז אנגעקומין אין דער שטאט אריין. הייבט ער אהן נאך פרעגין דיא אורזאכע פון דעם גביר. האט מען אים דערציילט אז מיט צעהן יאהר צוריק איז דער גביר אהער גיקומין פון אפריקאנער לאנד אונ האט ביא דעם אהדן גיקויפט זיין הויז אונ האט אויף געבויעט א בהמ"ד אונ ער זיצט טאג אונ נאכט אונ לערינט. אונ זיינע געשעפטין ווערין גיפירט דארך זיינע בעדינער. נאר שבת קומין זיך צו אים צו זאמין דיא גאנצע שטאט לייט אונ ער הייסט דערציילין געשיכטעס פון דעם בעש"ט אונ נאך שבת בעצאהלט ער פאר יעדער געשיכטע ארענדיל. ר' יעקב האט גילאזט מעלדין ביא

דעם

דעם גביר אז עס איז געקומען דעם בעש"ט'ס א בעדינער אונ א תלמיד ער קען דערציילן פיל מעשיות פון אים. האט ער געענטפערט אז ער פערלאנגט אים זייער נאר ער מיז ווארטען ביז שבת. דער גביר האט באלד געהייסען אים צו נעמען מיט גרויס עהרע אונ אים אפגעבען א בעזונדערען צימער מיט אלעס וואס ער ברויך ביז שבת. מען האט אזוי געטוהן:

**וויא** עס איז געקומען שבת זענען זיך צוזאמען געקומען אלע שטאט לייט צו הערין מעשיות פון בעש"ט. פרייטיג צו נאכט אז זענען אלע געזעסען ביא דעם טיש הייסט דער גביר ר' יעקב'ן ער זאל דערציילן א מעשה. אבער ר' יעקב האט פארגעסען אלע מעשיות פון דעם בעש"ט ער ווייסט גאר נישט וואס צו דערציילן. איז ער דערפין פערשעמט געווארין. ער האט געפריוועט קלערין טאמער וועט ער זיך עפיס דערמאנין. אבער קלער היינט קלער מארגין עס העלפט נישט. דער גביר האט גישוויגין אבער דיא שטאט לייט האט עס זייער פארדראסען וואס ער האט גימאכט א גישפעט פון אזוי פיל מענטשין. בקיצור ר' יעקב האט אגאנצע נאכט געוויינט אונ האט נישט געוויסט וואס דאס קען זיין. ער האט אגאנצין שבת אבגעפירט מיט גרויס טרויער. כען האט אים אלע מאהל גיפרעגט איר האט איך שוין עפיס דערמאנט? אבער ער קען גאר נישט ענטפערין. זייא האבין אים גיוואלט גרויס שאנדע אהן טוהן נאר דער גביר האט נישט דערלאזט. נאך שבת האט ער גיוואלט באלד אוועק פאהרין האט דער גביר צו אים געשיקט ער זאל ווארטען ביז מאנטיג טאמער וועט ער זיך עפיס דערמאנען. ער האט גיווארט נאך איינגע טעג אונ האט זיך גאר נישט דערמאנט. ר' יעקב האט נישט פערשטאנין אז דאס איז נישט אומ-זיסט. ער גייט צום גביר זיך גיזעגינין מיט גרויס קרענקונג. דער גביר גיט אים א געשאנק אונ גיזעגינט זיך אפ מיט אים. וויא ער וויל זיך שוין אויף זעצין אויף דער פור האט ער זיך דערכאנט זעהר אוואונדערבארע שרעק-ליכע געשיכטע פון דעם בעש"ט. גייט ער באלד צוריק אונ שיקט זאגין דעם גביר אז ער האט זיך דערכאנט א געשיכטע פון דעם בעש"ט. וואס ער אליין איז דערביא גיוועזין. דער גביר הייסט אים ארין רופען אונ נעכט אים צו זייער הערליך. אונ הייסט אים דערציילן. הייבט ער אהן צו דערציילן:

**דער** בעש"ט איז אמאל אים שבת גיזעסען זייער פערטרויערט ער האט זיין קאפ נישט אויפגעהויבין. אונ מיר האבין גאר נישט געוויסט וואס דאס בעטייט. מוצאי שבת נאך הבדלה האט דער בעש"ט באלד געהייסען שפאנען דיא פערד אונ האט מיך געהייסען אויך מיט פאהרין. אונ

האט

האט מיט גענומען נאך צוויא מענטשין. מיר זענין אגאנצע נאכט געפאהרין און האבין נישט געוויסט וויא מיר פאהרין. און צו פרעגען האבין מיר מורא געהאט. קורץ געשמיסט מיר זענין פאר טאג אנגעקומין אין אגרויסע שטאט אריין. דיא פערד האבין זיך אב גישטעלט נעבין א הויז וואס דיא טוהרין און פענסטער זענען נאך פערמאכט גיוועון. האט דער בעש"ט געהייסין אנקלאפען. מיר קלאפין אהן קומט ארויס אן אלטע יודינע. וויא זיא דערזעהט אינז הייבט זיא אהן שרייען וואס טוהט איר דא. איר זענט דאך פערלוירענע. דען היינט איז דאך פסח בייא דיא מאחמעדאנער און אז זייא דערזעהן א יוד אין גאס צעררייסין זייא אים אויף שטיקלעך. אבער ווען קיינער גייט נישט אין גאס. ווארפין זייא גורל און אויף וועמען עס פאלט דער גורל נעמין זייא אים ארויס פון שטוב און שלעפין אים ביז צו זייער קירכע און דארט טייטען זייא אים. און וויא זייא ווילין אייך זעהן ווילין זייא אייך אומברענגין. דעריבער אנטלויפט ארויס אינטער דער שטאט און זאלט דארט שטיין איבער דעם ביטערין טאג דער נאך וועט איר שוין מעגין אריין קומין. דער בעש"ט האט איר אבער גאר נישט גיפאלגט און האט געהייסין אראפ נעמין דיא זאכען אין שטוב אריין. ער עפינט אויף איין פענסטער און קוקט ארויס. דאס גאנצע הויז געזינד לייט בעהאלטין אין די ווינקעלעך פאר שרעק און שווייגין שטיל. נאר דיזע אלטע איז ווידער ארויס געקומען און האט געשריגען נאך וואס ער עפינט דאס פענסטער. דער בעש"ט ענטפערט איר גאר נישט און קוקט ארויס אויס דעם-פענסטער. זעהט ער אין מיטין מארק שטייט א גרויסע בימה זיא איז הויך דרייסיג טרעפ. און פיל מאחמעדאנער שטייען ארום זייא ווארטין אויף דעם טערקישען בישוף:

ווייא ער קוקט אזוי האבען אנגעהויבין צו קלינגען אלע גלעקער און זאגין אז דער בישוף גייט. איז אויף אלע מענטשין פון שטיב גיפאלין א גרויסע פארכט. פליצלינג נימט דער בעש"ט צו מיר א גישרייא גייא געך ריף מיר ארויס דעם בישוף ער זאל באלד צו מיר קומין. וויא דיא שטוב מענטשין האבין דער הערט דיזע ווערטער האבין זייא אנגעהויבין צו שרייען וואס ווילט איר א יוד אום ברענגין? זייא ווילין דאך אים צורייסין אויף שטיקלעך. זייא האבין גיוויינט פאר אים. אויך האבין זייא אים געזידילט. אבער ער ענטפערט גאר נישט. ער זאגט צו מיר גייא גישווינד וויא איך שיק דיך. בין איך באלד גינאנגין אהן שרעק דען איך האב גיוויסט ווער עס שיקט מיך. איך בין גינאנגין צווישין דעם גאנצין נאראד אבער קיינער זאגט מיר קיין ווארט נישט. איך בין גלייך ארויף גינאנגין אויף דער בימה

אונ

און האב גיזאגט דעם בישוף . דער בעש"ט איז אהער גיקומין פערלאנגט ער זאלסט שוין צו אים קומען . ענטפערט ער מיר . איך ווייס שוין אז ער איז דא זאג אים אז איך וועל אין אשטונדע ארום צו אים קומען . איך בין מיר צוריק גיגאנגין און דיא שטוב מענטשין האבין גיקוקט דורך אשפארע אז איך גייא צווישין דעם גאנצין נאראד און קיינער זאגט מיר נישט קיין ווארט איז בייא זייא גיוועזן א גרויס ווינדער . און זייא האבין דעם בעש"ט איבער גיבעטין . אבער ער האט זייא גאר ניט גיענטפערט . האב איך אים דערציילט וואס דער בישוף האט מיר גיענטפערט . האט ער אויף מיר א געשריי גיגעבין גייא נאך א מאהל און זאג אים ער זאל שוין גיין און זאל קיין נאר נישט זיין . איך בין ווידער גיגאנגין צווישין דעם נאראד און קיינער רעט מיר נישט . איך בין אנגעקומין האט דער בישוף נאר וואס אנגעהויבין צו זאגען א רייד . איך האב אים אשלעפ גיטוהן און זאג אים דער בעש"ט האט געהייסין זאלסט שוין קומען . ער האט מיך געפאלגט און איז מיט מיר געגאנגין צו דעם בעש"ט . זייא האבין זיך פערשלאסין אין איין צימער . עס האט געדויערט אפאר שטונדען . דער נאך איז דער בעש"ט ארויס גיגאנגין און האט געהייסין געך איינשפאנין דיא פערד . מיר זענין אוועק גיפארין . און וואס דער סוף איז גיוועזין ווייס איך נישט . און וויא אזוי דיא שטאט הייסט ווייס איך אויך נישט . אזוי האט ר' יעקב דערציילט :

וויא דער גביר האט דאס אויס געהערט האט ער גילויבט השי"ת וואס ער האט זוכה גיוועזן צו הערין דיא געשיכטע . און זאגט צו ר' יעקב'ן איך וועל דיר דערציילין דיא ענדע פון דער געשיכטע איך בין דער טערקישער בישוף וואס האסט מיך דאמאלס געריפען . איך בין דאפיער גיוועזן א יוד דערנאך בין ארופ פון גוטין וועג און האב מיך געטויפט און בין גיווארין א טערקישער בישוף עס איז מיר זייער גוט גיוועזין און איך פלעג רעדין פיל שלעכץ אויף יודין . נאר איך האב געהאט גרויסע זכות אבות אויף יענער וועלט . האבין זייא גיבעטין דעם בעש"ט ער זאל זעהן מיך דערפין ארויס צו נעמין . פלעגט ער זיין בייא מיר אלע נאכט צו חלום . און איך פלעג אים שטענדיג צי צו זאגין . נאר יענע נאכט האב איך אים צו גיזאגט אז פארטאג וועל איך אנטלופין פון דארט . וויא איך בין אויף געשטאנין און האב גיזעהן דיא גרויסע עהרע וואס מען האט מיר אנגעטוהן האט מיך מיין יצר הרע נישט געלאזט אנטלופין . און וויא איך בין ארום גיגאנגין אום דער שטוב האבין אנגעהויבין צו קלינגען דיא גלעקער האב איך מעהר לוסט בעקומען נישט אפ צו לאזין מיין שטעלע . און אז דיא ביסט נעקומין מיך רופין האט מיך דער יצר הרע אן גערעט איך זאל פריער

זאגין

זאגין די רייד־ע דערנאך זאל איך גיין צום בעש"ט . נאר ווי די ביסט דאס צווייטע מאהל געקומען מיך רופן בין איך געווארין אנ־ א נדערער מענטש . נאך דעם אז בין געקומען צום בעש"ט האט ער מיר ארויס גיגעבין א תשובה . אונ האט געהייסען איינטהיילין מיין געלד אין דרייא טייל . איין טייל פיר ארימע לייט . אונ איין טייל אפ געבין דעם קעניג ער זאל מיך ארויס לאזען פון זיין לאנד . אונ די דריטע טייל זאל איך האלטין ביי מיר נאך האט ער מיר גיזאגט אז מען וועט דיר דערציילין דיין געשיכטע וועסטו ווייסין אז דיין תשובה איז אנגענומין געווארין . איך האב אלעס געמאכט אין ארדענונג . דערנאך האב איך מיר גיקויפט דיזען הויף אונ טו תשובה מיין גאנצין הארץ . אונ ווי איך האב דיך דער זעהן האב איך דיך דערקענט אונ האב גיוואלט זאלסט מיר דערציילין די געשיכטע . אבער ווי איך האב גיזעהן אז די האסט אלעס פערגעסין האב איך פערשטאנין אז דאס איז וויל איך האב נישט רעכט תשובה געטוהן . האב איך דאמאלס תשובה גיטוהן מיט דעם גאנצין הארץ ביז וואנין נאט האט מיר געהאלפין די האסט דיך דערמאנט . יעצט ווייס איך אז מיינע זונד זענין פארגעבין געווארין . יעצט וועל איך דיר פיל געלד געבין אז וועסט שוין נישט דארפין ארום פאהרין אויף דער וועלט . פון דיזער געשיכטע קען מען זעהן ווי גרויס עס איז דער קראפט פון תשובה אז נאך זיינע אלע זונד איז ער געווארין אזא גרויסער צדיק השי"ת זאל העלפין מיר זאלין רעכט תשובה טוהן אונ דעם זכות וועלין מיר געך אוים גילייזט ווערין אמן :

## אווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגין צדיק ר' ישראל דער קאזניצער מגיד זצוקלל"ה :

צום קאזניצער מגיד איז א מאהל געקימען איינער פון זיינע גרויסע חסידים . אונ האט זיך בעקלאגט פאר אים אז ער קען נישט געפינען קיין שום מיטעל זיך צו דער נעהרין . דריבער בעט ער דעם רבין ער זאל אים בעראטין דורך וואס ער זאל זיך מיט זיין הויז גערזינד דער נעהרין . האט אים זיין רבי גיענטפערט איך זעה אז די האסט נישט קיין שום גליק צו קיין שום האנדיל אין דער וועלט . נאר עס איז פערהאנדין איין האנדיל וואס דו האסט דערינען א גרויס גליק אונ וועסט דער מיט ערווערבין א גרויס רייכטהום . מיין האט ער נישט גירעט . האט דער חסיד גיבעטין זיין רבין ער זאל אים

# ישראל וקדושתו

אים זאגין וואס פער א האנדיל דאס איז ? האט אים דער רבי גיענטפערט וואס וועט זיין אז איך וועל דיר אויס זאגין . איך ווייס דאך אבער אז דיא וועסט דערצו אויף קיין שום פאל נישט איינוויליגען . האט דער חסיד גיענטפערט ווייל איך בין שטארק גיענגט וועל איך עס זיכער מוזין טוהן דען נויט ברעכט אייזין . האט דער רבי צו אים גיזאגט זאלסט וויסין אז דיא ביסט א גרויסער מוצלח צום גאנבינען . דער חסיד איז געבליבין שטיין וויא א דעריפענער און זאגט צום רבי'ן וויא אזוי קען איך איינוויליגען צו אזא גישעפט וואס איז אקייגין דעם אויבערשטינס ווילין ? האט דער רבי צו אים געזאגט איך האב דאך דיר פריער גיזאגט אז דיא וועסט נישט בעשטיין אויף דעם גישעפט . נאר איך זעה אבער אז דיא האסט נישט קיין שום גליק צו קיין אנדערע זאך נאר צו גאנבינען האסטו אווינדערליך מזל :

דער חסיד איז אהיים גיגאנגין שטארק פערטרויערט . און דאס ארימקייט האט זיך וואס אמאהל מיין בייא אים גימערט ביז וואנין זייא האבין עטליכע טעג בעזאמין קיין שטיקעל ברויט נישט גיגעסין . וויא ער האט גיזעהן אז זיין ווייב און קינדער וועלין נאך שטארבין פער הינגער האט ער זיך בעקלערט און איז גיגאנגין בייא נאכט אויפהאקין א שלאס פון א גיוועלב און האט ארויס גינאנבעט איין גילדין . און האט זיך דער פאר גיקויפט ברויט ער זאל האבין פון זיין ווייב און קינדער'ס וועגין . און ער האט אין זינען געהאט אז נאר וועט אים העלפין ער וועט האבין געלד זאל ער דעם גולדין אב געבין . צו מארגינ'ס אז דער הערר פון גיוועלב איז אהנגעקומין און האט גיזעהן אז זיין גיוועלב איז אפען האט ער גיכאפט אגרויס גיוואלד אז מען האט אים בעגאנבעט . וויא ער גייט אריין אין דעם גיוועלב אריין און האט גיטראפין עס איז גאר נישט גערוהרט איז אים גיוועזין אגרויס וואונדער . נאר וויא ער איז צו געקומין צום טאש פון געלד און האט גיזעהן אז דארט איז אויך גיעפינט . האט ער זיך גיטראכט אז דער גנב האט זיכער ארויס גענומין דאס גאנצע געלד דען עס איז דארט גילעגין א גרויסע סוממע געלד . דעריבער האט ער דיא סחורה נישט געניכין . אבער וויא פערוואונדערט איז ער גיווארין אז ער האט גיזעהן אז עס פעהלט נישט אין דעם געלד נאר איין גולדין . בקיצור דער חסיד מיט זיין ווייב און קינדער האבין מיט דעם ברייטיל אזוי אפ גילעבט עטליכע טעג אין גרויס הינגער ביז זייא האבין שוין גאר נישט געהאט וואס צו עסין . דער נאך האט ער זיך ווידער גישטארקט זיין הארץ און איז גיגאנגין בייא נאכט עפינין א גיוועלב און האט ווידער ארויס גינאנבעט

גיגאנביט א גולדין אונ האט זיך דער פאר גיקויפט אבריטיל. אונ אזוי האט ער גיטוהן יעדעם מאהל וואס עם האט זיך בייא זייא אוים גילאזט דאס ברויט. עס איז בייא יעדין גיוועזין א ווינדער פאר וואס דער גנב וויל נישט גאנבינין נאר יעדעם מאהל א גולדין האבין זייא גישטעלט וועכטר׳ס בייא יעדין גיוועלב זייא זאלין אים חאפין. אבער זייא האבין אים קיין מאהל נישט גיקאנט האפין ווייל ער איז גיוועזן אגרויסער מוצלח צום גאנבינען. ביז דער אדון פון שטאט איז דערפון גיוואר גיווארין. האט ער זיך אויך גיווינדערט וואס דיא אלע וועכטער׳ס קענין אים נישט חאפין. איז דער אדון זעלבסט גיגאנגין אויף דער וואך פיל נעכט אבער ער האט אים נישט גיקענט בעקומען ווייל דער חסיד האט נאך דאמאלס עפים גערהאט פון דעם ברייטיל:

וויא דאס ברויט האט זיך שוין בייא אים אוים גילאזט. איז ער ווייטער גיגאנגין גאנבינען א גולדין. דיא זעלבע נאכט האבין דיא וועכטער זייער גוט געהיטין צווישין דיא גיוועלבער. פון דעסט וועגין האט ער גיעפינט א גיוועלב אונ דיא וועכטער האבין נישט גיזעהן. נאר דער אדון פון שטאט האט דאס גיזעהן איז ער ארין גיגאנגין שטילערהייט אין דעם גיוועלב ארין האט ער גיזעהן וויא ער עפינט דעם טאש אונ נעמט זיך ארוים א גולדין. ער האט אים באלד גיחאפט אונ זאגט צו אים דיא ביסט דאס דער גנב פון דיא גולדין? דער אדון איז גיוועזן אנגעטוהן ציוווילנע ער זאל אים נישט דערקאנין. זאגט ער צו דעם חסיד איך וועל דיך נישט אב לאזין ביז מיר וועלין גיין צום אדון פון שטאט וועלין מיר זעהן וואס ער וועט דיר פאסקינין. דער חסיד הייבט זיך אהן בייא אים צו בעטין ער זאל אים אפ לאזין אונ זאגט דיא זעהסט דאך אז איך בין ח״ו נישט קיין גנב גליך מיט אלע גנבים. ווייל איך נעם דאך נאר איין גולדין אין יעדער גיוועלב אונ איך וואלט דאך גיקאנט דיא גאנצע סחורה ארוים גאנבינען. אונ דעם גולדין נעם איך אויך נאר ווייל דיא נויט צווינגט מיך דערצו. האט דער אדון צו אים גיזאגט איך קען דיך אויף קיין פאל נישט אפלאזין נאר איך וועל דיך אפ פירין צום אדון פון שטאט אונ ער וועט מיט דיר טוהן וויא אזוי אים וועט געפעלין. וויא דער חסיד האט דאס געהערט האט אנגעהויבין זייער שטארק צו וויינין. האט דער אדון צו אים גיזאגט איך זעה דאך אז דיא האסט גרוים גליק צום גאנבינין אויב דיא וועסט מיר טוהען דיזע זאך וואס איך פערלאנג פון דיר וועל איך דיך בעפרייען. איך בין געוואר גיווארין אז דער אדון פון שטאט האט היינט גיוואונין עטליכע מיליאן רובל אויף דער ענגעלישער לאטעריע אונ דיא קאססע מיט געלד איזט בעהאלטין אונטער זיין בעט. איז דארט פערהאנדין אקליין פענסטעריל וואס דיא וועסט

דארוין

דאדורך קענין ארייַן גייַן צום אהרן אין שלאף צימער. אונ אז דיא וועסט מיר ארויס ברענגין דיזען אוצר וועלין מיר זיך דער מיט צו טהיילין. האט דער חסיד אנגעהויבין זייער ביטער צו וויינין ער זאל אים אפ לאזין דען ער קען אים דיא זאך נישט צוליב טוהן. האט אים דער אהרן גיענטפערט אויב דיא וועסט מיר דיזע זאך נישט טוהן וועל איך דיך איבער געבין צום אהרן ער זאל מיט דיר טוהן וואס ער וויל. וויא דער חסיד האט גיזעהן אז עס וועט אים גאר נישט העלפין קיין וויינין האט ער געמיזט דערצו אויך איינוויליגען ער איז גינאנגין מיט דעם אהרן האט ער אים גיוויזען דאס פענסטעריל ער איז אריין גינאנגין דורך דעם פענסטעריל ביז צו דעם צימער וואס דאס געלד איז דארט גילעגין אונ איז באלד ארויס גינאנגין. אונ ער האט גיזאגט צום אהרן גילויבט איז גאט וואס ער האט מיך באשעדיגט פון דיזער גנבה. פרעגט אים דער אהרן פאר וואס? ענטפערט דער חסיד בעוויַיל איך האב גיהערט אז זיינע צוויא דינערס האבין איינער גיזאגט צום צווייטין זאלסט גוט אפ היטען דיזען סם וועלין מיר עס אונ דער פריא אריין לייגין אין דער טייא וועט דאס גאנצע געלד בלייבין אונזער. דען עס וויסט נאך קיינער נישט דער פון. דריבער וועלין מיר ביידע גיין צום אהרן אים דערציילין איידער ער וועט טרינקין דעם סם וועלין מיר דער פאר גיט בעלוינט ווערין וויַיל מיר האבין אים פון טויט בעשיריכט. וויא דער אהרן האט דאס געהערט איז ער זייער דערשראקין גיווארין. ער האט אים געהייסין א היים גיין נאר ער האט פון אים פערלאנגט ער זאל אים געבין זיין היטעל. האט ער אים באלד גיגעבין זיין היטעל אונ איז זיך אהיים גינאנגין זייער פרייליך וואס ער איז באשיריכט גיווארין פון דער גרויסער גניבה:

דער אהרן איז צו הויזע גינאנגען אונ האט זיך גילייגט שלאפען אבער ער האט שוין קיין אויג נים גיקאנט צו מאכען. דען זיין הארץ האט זיך אים שטארק גישראקין. וויא עס איז נאר טאג גיווארין בעפעהלט ער זיינע דינער זייא זאלין אים אריין ברענגין טייא. האבין זייא באלד אריין גיברענגט בעוויַיל דאס איז שוין גיוועזן גרייט. וויא זיין דינער האט אים דערלאנגט דאס גלעזיל טייא זאגט ער צום דינער ער זאל אביסיל טרינקין פון דער טייא. האט ער נישט געוואלט. האט זיך דער אהרן שוין פערשטאנין אז דער חסיד'ס רייד זענין וואהר. האט ער דיא טייא גיגעבין זיין הונד צו טרינקין. אונ וויא ער האט נאר אויס געטרונקין דיא העלפט איז ער באלד טויט געפאלין. דערנאך האט מען צו דיא צוויא דינער גיטוהן אזוי וויא דער גיריכט האט זייא פערשולדיגט. דער אהרן האט באלד אין

דער

# ישראל וקדושתו

דער פריא געשיקט צו זאמין ריפין אלע גרויסע לייט פון שטאט און האט
זיא גיפרעגט אויב זייא דער קענין ווערים עס איז דאס היטעל . האבין
זיא גיענטפערט מיר קענין דעם מענטש דערפין . האט דער ארון צו זייא
גיזאגט דיזעם היטעל איז פון דעם גנב וואס גאנגבית דיא גולדין'ס . האבין
דיא גרויסע לייט גיזאגט דאס איז נישט מעגליך דען דיזער מענטש איז
א גרויסער חסיד און אקלוגער אויך אגעבילדעטער וועט ער דיזעס נישט
טוהן . האט דער ארון אים געהייסין רופין ער זאל באלד קומין צו גיין .
דער חסיד איז געקומין צו גיין זייער טרויעריג . פרעגט אים דער ארון צו
קענסטו ווערים דאס היטעל איז ? ענטפערט ער מיין הערר דאס איז מיין
היטעל . זאגט דער ארון צו אים ווערליג דיא גרויסע לייט פון שטאט
האבען דיך פאר גישטעלט איז מיר אגרוים וואונדער וואס ביסט גיגאנגין
גאנבינין דיא גולדין'ס נאר איך זעה אז דיא ביסט געוועזן מיין ענגעל צו
רעטטען מיך פון טויט . דער ארון האט אים דערציילט דיא גאנצע געשיכ=
טע און האט צו אים געזאגט אללעס יושר און מענשליכקייט וואלט מיין
גאנצער גרויסער געווינס בעדארפט צו דיר געהערין דען עס איז גענוג
וואס האבט מיר פון טויט גערעטעט נאר אויב דיא ווילסט וועלין מיר זיך
טהיילען . דער ארון האט אים באלד אראפ געגעבין אהאלב פערמעג
וועלכעס האט בעטראפין אהאלבין מיליאן שטערלינג . דער חסיד איז זייער
רייך גיווארין און האט אוים גיצאהלט דיא גיגאנגביטע גולדין'ס מיט גרויס
דאנק . און האט פיל תשובה גיטאהן . פון דעם קענין מיר זעהן דאס
גרויסקייט פון דעם קאזניצער מגיד זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אמן :

## אזוינדערליבע מעשה פון דעם היילינין צדיק ר' פנחס פון קאריץ
## זצוקלל"ה :

**דער** צדיק ר' פנחס פון קאריץ האט געהאט חסידים און פיל שטעט ווע=
כע פלעגין אים צאלין יאהרליך געלד יעדער איינער נאך זיין יכולת.
ער פלעגט שוין אליין צייכענין אלע יאהר אצעטיל וויפיל יעדער זאל געבין .
און צווייא פון זיינע גרעסטע תלמידים פלעגין אלע יאהר פאהרין דאס געלד
צו זאמין נעמין . איין יאהר האט דער רבי נישט גישטעלט אין זיין צעטיל
א גרויבין גביר וועלכער פלעגט אים צאהלין שיין געלד . נאר ער האט
גישטעלט דעם גביר'ס אזוהן . איז עס בייא זיינע תלמידים גיוועזן איין וואונ=
דעד וואס ער האט דעם גביר נישט גישטעלט . וויא זייא זענין געקומין
אין

# ישראל וקדושתו

אין דער שטאט אריין אונ זייא האבין זיך נאך גיפרעגט אויף דעם גביר : האט מען זייא גיזאגט אז דער גביר איז גישטארבין . אונ זיין זוהן איז געבליבין בייא דעם גאנצין רייכטהום . זענין זייא צו אים געגאנגין אונ האבין בייא אים גענימען וויפיל דער רבי האט אים גישטעלט . אונ אפאהר יאהר ארום האט דער רבי שוין דעם גביר'ס זוהן אויך נישט געצייכינט אין צעטיל ווייא זיינע תלמידים האבין דאס גיזעהן האבין זייא גירעכינט אז דעם גביר'ס זוהן איז שוין גישטארבין בעוויל זייא האבין דאך גיזעהן וואס עס איז גישעהן בייא דעם ערשטין מאהל אז ער האט זיין פאטער נישט אריין גישטעלט אין דעם צעטיל . ווייא זענין געקומין אין דער שטאדט אונ האבין זיך נאך גיפרעגט אויף דעם גביר'ס זוהן האט מען זייא דערציילט . אז ער מיט זיין הויזגעזונד זענין זענין געווארין שטארק אויס געלאסען . אונ זיין הויז ווערט נישט יודיש געפירט . בעוויל זיין פאטער פלעגט שטענדיג האנדלין מיט קריסטין . אונ זיין האנדיל איז אויך דער זעלבער . אונ ווען ער האט איבער גינומין דעם האנדיל איז נאך גיוועזין זייער יונג דריבער איז ער ביסליך ווייס געוואהרען צו זייא :

**ויא** עס איז פערבייא גיגאנגין נאך עטליכע יאהר האט אים דער רבי ווידער אריין גישטעלט אין צעטיל אריין אונ האט אויף גיצייכינט וויפיל ער זאל געבין . האבין זייא זיך דערויף שטארק גיוואונדערט דען זייא האבין אלע יאהר געהערט אז וואס יאהר גייט ער מער אראפ פון יודישען הענג ווייא זייא זענין געקומין אין דער שטאדט אריין האבין זייא זיך אויף אים גיפרעגט . האט מען זייא דערציילט אז ער איז דיזעם יאהר פלוצלינג איבער גיקעהרט גיווארין צו א אנדערין מענטש . דען ער מיט זיין הויזגעזינד גייען צוריק יודיש גיקליידט אונ עס ווערט אלעס געפירט יודיש אויפין העכסטין אופן . אונ עס ווייסט קיינער נישט דיא אורזאכע דערפון . ווייא זייא האבין דאס געהערט זענין זייא צו אים באלד גיגאנגין . האט ער זייא זייער פריינדליך צו גענומין אונ האט זייא גיפרעגט ווייא פיל ער שטייט אין צעטיל . האבין זייא צו אים געזאגט מיר בעטין דיך . דיא זאלסט אונז זאגין דיא ווארהייט פאר וואס אין דער צייט וואס אונזער רבי האט דיך נישט אריין גישטעלט אין צעטיל האבין מיר געהערט אז דיא פירסט דיך אויף שטארק אויס גילאסין . אונ אזוי האבין מיר אויך געהערט איבער דער גאנצער צייט . אונ יעצט האט דיך דער רבי צוריק אריין גישטעלט אין צעטיל . האט ער זייא גיענטפערט איך וועל אייך דערציילין דיא ווארהייט איך האב מיך אמאהל גילייגט שלאפין נאך מיטאג האט זיך מיר געחלומט אז איך פאהר אינטער וועגינס ווייא מיין געוואנהייט

איז שטענדיג. האט זיך מיר געדאכט אז איך בין הונגעריג נאר עס איז נישט
געווען קיין שום גאסט הויז איך זאל דארט עסן. ביז איך בין שוין אנגעקומען
אין א שטאדט אריין. בין איך אריין געגאנגען אין א גאסט הויז און האב מיר
געהייסן געבן עסן. איך האב נישט געמאכט קיין אונטערשייד צו עס
איז כשר אדער טרפה דען איך האב מיך פון א הינדיל געפרעגילט אין פוטער
אויך נישט געמיאוסט צו עסן. האט מען מיר באלד אנידער געשטעלט
צו עסן. איידער האב אהנגעהויבן צו עסן איז אריין געקומען זייער איין
אנשטאנדיגער מענטש און זאגט צו מיר איך בין אייך געקומען רופן צום
רב דען איינער ברויכט מיט אייך צו האבן א דין תורה. האב איך אים
געענטפערט ווער עס האט אויף מיר אוועקסיל זאל ער מיר ווייזן מיין
אונטערשריפט וועל איך אים באלד בעצאהלען אהן דעם רב. האט דער
מענטש צו מיר געזאגט אז דער בעל דין זאגט ער האט א זעלכע טענות
וואס ער מוז זיא פארלייגען בייא דעם רב ברויכט איר נישט זיין אזוי איי=
נישפארט. האב איך אים געמוזט צוליב טוהן צו גיין פאר מיין עסן.
בעווייל ער איז געווען זייער א געשעצטער מאן. וויא מיר זענען אריין געקומען
אין דעם ערשטען צימער. איז ארוים געקומען צו אונז פון אינעווייניג
א דינער און פרעגט מיך ווער איך בין. האב איך אים געזאגט וויא אזוי
איך הייס. האט דער דינער צו מיר געזאגט דער רב בעדארף אייך טאקע
נאר ער איז יעצט פערנימען דריבער גייט אייך א היים וועט איר שפעטער
קומען. בין איך מיר געגאנגען צו מיין גאסט הויז און האב געוואלט אהנ=
הייבן צו עסן דען איך בין געווען זייער הונגעריג. איז נאך אמאהל אריין
געקומען דער זעלבינער מענטש און רופט מיך. האב איך אים געענטפערט
מיט גרוים צארן איך האב דאך אייך שוין געזאגט ווער עס האט אויף
מיר אוועקסיל זאל ער עס מיר ווייזן וועל איך אים בעצאהלען. נאר איך
האב אייך פארט געהארכט און בין געגאנגען צום רב האט איר דאך זעלבסט
געזעהן וויא מען האט מיך נישט אריין געלאזט. פון דעסט וועגן בין איך
איבער געדעט געווארן און בין דאס צווייטע מאהל אויך געגאנגען מיט אים.
וויא מיר זענען אהן געקומען איז ווידער אזוי געווען וויא דאס ערשטע מאהל
בין איך געגאנגען מיט גרוים צארן צו מיין גאסט הויז און האב מיך געזעצט
עסן. איז ווידער אהן געקומען דער זעלבינער מענטש און האט מיך דאס
דריטע מאהל גערופען האב איך שוין בשום אופן נישט געוואלט גיין. האט
ער מיר צו געזאגט אז מען וועט מיך שוין יעצט זיכער אריין לאזן. האב
איך דעם געהערט מאן ווידער נישט געקאנט אפזאגן בין איך מיט אים
געגאנגען דאס דריטע מאהל. וויא מיר זענען אהן געקומען איז דער דינער
ארוים

אַרויס געקומען און האָט מיר גיעפֿינט דיא טהיר און זאָגט צו מיר יעצט קום אַריין דען דאָס בית דין האָט זיך שוין צו גענרייט צו דיין געשעפט בין איך אַריין געגאַנגען אין זעהר אַשיינע שטוב וועלכעס עס איז דאָרט געשטאַנין זעהר אַשיינער און גרויסער טיש . און אַרום דעם טיש זענין גיזעסין גרייז גרויהע לייט זעהר פֿאָרנעמע מענטשין . האָבין זייא צו מיר געזאָגט עס איז דאָ פֿערהאַנדין איינער וואָס האָט צו דיר טענות . עס האָט זיך גיעפֿינגט אַ טיריל איז אַריין געקומין אַ מענטש און האָט אָהנגעהויבין אויס צו רעכענין מיינע זונד פֿון דער צייט אָהן וואָס איך בין צו מיין פֿערשטאַנד געקומין ביז דער יעצטיגע צייט . אויך האָט ער אויסגירעכינט אַזעלכע זונד וואָס איך האָב גאָר נישט גידענקט אויב איך האָב זייא געטוהן . האָט ער מיך דער מאַנט פֿיל סימנים ביז איך האָב מיך דערמאַנט אַז עס איז אַלעס וואָהר . וויא ער האָט שוין אַלעס אויס גירעכינט בין איך געבליבין שטיין זייער דערציטערט . האָב איך געהערט וויא איינער פֿון דיא אַלטע לייט האָט גיפֿרעגט וואָס וועט מען איהם פֿאַר דעם אַלעס פּאַסקינין . האָט מען איהם גיענטפֿערט לאָז ער דאָ פֿערבלייבין וועלין מיר קלערין וואָס צו טוהן מיט איהם . וויא איך האָב דאָס געהערט האָב איך פֿערשטאַנין אַז זייא מיינין אַז מיין שלאָף זאָל שוין זיין אַאייביגער שלאָף האָב איך אָנגעהויבין שטאַרק צו וויינין אַז מען זאָל מיך נאָך לאָזין לעבין דען איך בין נאָך יונג וועל איך נאָך קענין אַלעס פֿאַרעכטין מיט תשובה טוהן . האָט זיך איין אַלטער מאַן פֿון דעם בית דין אָנגערופֿין עס איז טאַקי וואָהר דאָס ער קען נאָך תשובה טוהן דריבער זאָל מען איהם נאָך לאָזין לעבין . וויא איך האָב מיך אום געקוקט צו זעהן ווער דער אַלטער מאַן איז האָב איך דערקענט אַז דאָס איז דער הייליגער רבי ר' פּנחס . האָבין זייא זיך אַלע אָנגערופֿין אַז דער יושר איז נישט אַזוי . נאָר בעוויייל דער רבי ר' פּנחס האָט אַזוי געהייסין מוזין מיר איהם האָרכין . האָט מען באַלד געזאָגט מען זאָל מיך אָפּ לאָזין. בין איך אַרויס גיפֿאַלין פֿון מיין בעט און האָב מיך אויף גיחאַפּט . און איך האָב גאָר נישט פֿאַר געסין פֿון דעם גאַנצין חלום . פֿון דאַמאָלס אָהן האָב איך אָהן געהויבין תשובה צו טוהן . דער זכות פֿון דעם הייליגין צדיק זאָל אונז בייא שטיין אָמן :

# ישראל וקדושתו

## נאך אוונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' פנחס פון קאריץ זצוקללה"ה :

בייא דעם רבי'ן ר' פנחס פון קאריץ פלעגן שטענדיג זיצן אין בית המדרש צעהן מענטשן וועלכע, זענען נישט געוועזן בעשעפטיגט מיט קיין שום האנדיל נאר זיא האבן שטענדיג גילערנט . אונ דער רבי האט זייא צאהלט וואכן-געלד יעדען ארובל אוואך . אונ איינעם פון זיי מיטן נאמן ר' יעקב פלעגט דער רבי אלע פרייטאג ארייך רופען אונ האט אים גיגעבן דיא צעהן רובל ער זאל זייא איין טהיילן . אזוי האט זיך אלאנגע צייט גיפיהרט . איין מאהל האט זיך יעמאכט אז ר' יעקב האט איינגיטיילט דאס געלד האט אים פון זיינט וועגן פאר פעהלט איין רובל דען דער רבי האט אים נים גיגעבן נאר ניין רובל . האט ער גיוואלט אריין גיין צום רבי'ן ער זאל אים געבן נאך ארובל פון זיינט וועגן . זענען דיא טירן פון רבי'נס צימער שוין גיוועזן פערמאכט האט ער נישט גיקענט אריין גיין . איז ר' יעקב דעם שבת איבער געקומען מיט גרויס שמערצן בעוויל ער האט נישט געהאט מיט וואס שבת צו מאכן . אבער וואס האט ער גיקענט טוהן אז מען האט צום רבי'ן נים אריין גילאזט נאר אים פרייטאג . האט ער בייא זיך גיקלערט אז עס וועט קומען דער צווייטער פרייטאג וועט ער דאס דערציילן דעם רבי'ן . וויא עס איז געקומען דער צווייטער פרייטאג איז ר' יעקב איז אריין גיגאנגן צום רבי'ן האט ער גימיינט אז ער וועט זיכער יעצט בעקימען עליף רובל . עס איז אבער נים אזוי גיוועזן . נאר וויא דער רבי האט אים דערלאנגט דאס געלד האט ער אים באלד געהייסן ארויס גיין פון זיין צימער . וויא ר' יעקב האט איבער גיציילט דאס געלד איז ווידער נישט גיוועזן נאר ניין רובל . האט ער שוין יעצט פערשטאנען אז עס איז דעם ערשטן פרייטיג אויך קיין טעות נישט גיוועזן . נאר דעם רבי'נס מיינונג איז ער זאל אים אויפהערן צו צאהלן . האט ער גינומען זיין היטעל אונ האט יעם פארזעצט ער זאל האבן געלד שבת צו מאכן . אונ ער האט גיקלערט אז דער רבי וועט זעהן שבת וויא ער גייט אין וואכענדיגן היטיל וועט ער דאך אים זיכער פרעגן דרויף . וועט ער אים אלעס דער ציילן . אבער דער רבי האט אים א גאנצין שבת גאר נישט גיפרעגט . בקיצור עס איז אזוי גיוועזן דער דריטער אונ דער פערדער פרייטאג אונ דער רבי האט אים אלץ נאר גיגעבן ניין רובל האט ער זייא געמוזט צו טיילן אונ אים איז גאר נישט געבליבן . האט אים דיא זאך שטארק גיקרענקט דען ער האט נישט געהאט פון וואנען צו שפייזן זיך מיט זיין ווייב אונ קינדער . נאך

כיין

# ישראל וקדושתו

מײן האָט אים גיקרענקט וואָס ער האָט זיך נישט געפּיהלט אין קײן שום זינד עס זאָל אים קומין אַזוי צו טוהן :

וויא דיא זאַך איז שוין בעוויסט גיוואָרין אויף דער שטאָט . האָט עס אויך יעדען שטאַרק גיוואונדערט . בעווײל זײא האָבין אַלע גיוויסט אַז ר׳ יעקב איז אַגרויסער חשוב בײא דעם רבי׳ן . אין דער זעלביגער צײט איז אַרײן געקומין צו ר׳ יעקב׳ן אַ סוחר וואָס האָט געהאַט זעהר אַ גרויסין מעהל־סקלאַד . אונ זאָגט צו אים איך הער אַז יעדער רופט אײך ר׳ יעקב בטלן . אָבער איך ווײס אַז עס איז נאָר ליגינט . נאָר איר זענט אַ פעהיגער מענטש צו אַלערלײא האַנדלין . דריבער וועל איך אײך באָרגין אײן זאַק מעהל אונ איר וועט דער מיט אַרוים גײן אין מאַרק אַרײן פערקויפין ווען עס וועט זײן אמאַרק־טאָג . אונ דערפון וועט איר האָבין צו דערנעהרין זיך נאָך מעהר וויא דער רבי האָט אײך גיגעבין . ר׳ יעקב האָט אַפילו נישט גיוואָלט בעשטײן דרויף ווײל ער האָט דאָס נאָך קײנמאָהל נישט געפּרובט . נאָר דער הינגער האָט אים געצווינגין צו הערכין דעם סוחר . ער האָט דאָס מעהל פאַרקויפט אונ האָט פערדינט צווײא רובל . דיא צווײטע וואָך האָט ער שוין גענומין עטליכע זאַק מעהל אונ האָט אין יעדעס שײן פערדינט . עס איז אַזוי אַוועק גיגאַנגין עטליכע וואָכין ביז ר׳ יעקב האָט שוין פערדינט אַשײנע סוממע געלד . וויא דער סוחר האָט גיזעהן אַז ר׳ יעקב גליקט שטאַרק אין דעם האַנדיל . זאָגט ער צו אים נאָך וואָס טויג אײך צו שטײן אויף דעם מאַרק . איך וועל אײך דינגין אַ גיוועלב וועט איר האַנדלין גלײך מיט אַלע סוחרים . ער האָט אַזוי גיטוהן אונ איז אַלע מאָהל רײכער גיוואָרין . האָט ער אַוועק גילײגט דעם מעהל האַנדיל . אונ האָט זיך גימאַכט אַ גרויסין פּרוכטין האַנדיל . האָט עס אים נאָך מײן געגליקט ביז ער איז גיוואָרין אַגרויסער עושר . אונ ווײל ער איז גיוועזין שטאַרק בעשעפטיגט מיט זײנע האַנדלין . פלעגט ער שוין נישט אַרײן קומין צו דעם רבי׳ן :

אונ דער זעלביגער צײט האָט דער דוכ׳ס פון דער שטאָט קאָרין געשיקט זײן דינער ער זאָל אים קויפין פּאָמעראַנצין בײא אַקריסט וואָס ער פלעגט בײא אים שטענדיג צוא קויפין . וויא ער האָט זײא אַהײם גיבּרענגט אונ דער דוכ׳ס האָט זײא פערזיכט איז ער שטאַרק בײז גיוואָרין בעווײל זײא האָבין נאָר ניט גיטויגט . האָט ער גיפרעגט זײן דינער אויב עס גיפינט זיך נאָך אין שטאָדט אַזאַ גיוועלב וויא דאָס קריסטליכע איז . האָט ער אים גיענטפערט אַז עס איז דאָרט דאָ ר׳ יעקב׳ס סקלאַד . האָט ער אים געהײסין דאָרט קויפין . ווי דער דינער האָט אַהײם גיבּרענגט די פּאָמעראַנצין זענין

זענין זיא זייער גוט געוועזין . האט דער דוכים געזאגט אז ער וויל אליין זיין ביא אים אין סקלאד . ער האט אזוי געטוהן . איז אים דער סקלאד זעהר געפעלין דען ער איז געוועזן אויס געפוצט מיט פערשידענע טהייערע פרוכטין . פון דאמאלס אהן האט דער דוכים אהן געזאגט זיין דינער אז וואס מען וועט ברויכין צו קויפין זאל ער נאר ביא אים קויפין איז ר' יעקב פון דעם נאך מיין רייך געווארין . איין מאהל שיקט דער דוכים רופען ר' יעקב'ן אונ זאגט צו אים . זאלסט וויסין אז איך בין א גרויסער מיליאנער איך האב מיינס פיל שטעט אונ דערפער אויך פיל ארענדעס . ברויך איך האבין א גרויסין ערליכין מאן ער זאל זיין ביא מיר א פערוואלטער צו פיהרען מיינע געשעפטין . זעהט מיר אויס אז איך וועל נישט האבין דער צו קיין בעסערין מענטש פון דיר דריבער פערלאנג איך דיא זאלסט ביא מיר זיין א פערוואלטער . אונ דיין סקלאד וועלין דיין וייב אונ קינדער קענין פיהרען אהן דיר אויך . ר' יעקב'ן האט דאס געשעפט ניט צו געשמעקט ער זאל אפ לאזין זיין האנדיל אונ זיך גיין פערקויפין אויף שטענדיג צו א פרעמדין . נאר אז ער האט זיך באַרעכינט דעם גרויסין איינטראג וואס ער וועט קענין האבין פון דעם געשעפט . אויך האט ער נישט געקענט אפ זאגין דעם פערלאנג פון אזא גרויסין דוכים איז ער דערויף בעשטאנין . פון דאמאלס אהן האבין זיין וייב אונ קינדער געפירט דעם האנדיל אונ ר' יעקב האט געפירט אלע געשעפטין פון דעם דוכים אין גרויס ארדענונג . דער דוכים איז דער פון געוועזן העכסטינס צופרידין . אונ ער איז אין אקורצע צייט שטארק רייך געווארין :

**וויא** ר' יעקב איז אמאהל געזעסין מיט דעם דוכים אין אבעזינדערין צימער אונ האבין געשמיסט פון זיינע געשעפטין . רופט זיך דער דוכים אפ צו ר' יעקב'ן אונ זאגט זאלסט וויסין אז ניט אויף דעם איז געוועזן מיין מיינונג דיא זאלסט זיין ביא מיר אפערוואלטער . דען דיא ווייסט גאנץ גוט אז עס פעהלט מיר ניט קיין ערליכע אונ קלוגע מענטשין וואס זאלין פירין מיינע געשעפטין . נאר איך האב צו דיר א גרויסע זאך וואס איך קאן מיך דער מיט נישט פארזיכערין אויף קיינעם פון מיינע אלע מענטשין . דריבער האב איך דיך צו מיר גענומין פאר א פערוואלטער איך זאל דיך פרובירען אויב איך וועל מיך קענין אויף דיר פארזיכערין מיט דיזער זאך . האב איך דיך איבער דער קליינער צייט אויס גיפרייוט זעה איך אז עס איז נישט דא קיין קליגערער אונ בעגלייבטער פון דיר . אונ נאר אין דיר קאן איך מיך פערזיכערין . די זעהסט דאך אז איך בין א אלטער מאן קיין קינדער האב איך ניט . אונ וויא לאנג וועל איך דען נאך קענין לעבין .
האב

# ישראל וקדושתו

האב איך מיך שוין פון אלאנגע צייט בעראטען צו מאכען אגרויסען בילד פון גאלד אונ דימאנטען פונקט וויא מיין געשטאלט איז. אונ איך וועל אים שטעלען וויא עס וועט מיר געפעלען. האט מען דעם בילד שוין פארטיג געמאכט נאר עס פעהלט נאך צו אזעלכע דימאנטען וואס מען קען זייא נישט בעקומען אין דעם געגענד נאר אין מדינת הודו וואס מען ברויך אלאנגע צייט רייזען אויף דעם ים. אויך וועט מען ברויכען מיט נעמען דעם גאנצען בילד בעוויל מען קען נישט ארויין פאסען דיא דימאנטען נאר אין יענער מדינה. דריבער קען איך מיך דער מיט נישט פערלאזען נאר אויף דיר. אונ דיא וועסט בעקומען דער פאר וויפיל געלד דיא וועסט נאר וועלען. דען מיין גאנצען רייכטהום האט בייא מיר קיין ווערט נישט אויב איך וועל נישט זעהען אז דיזע זאך זאל צו אענדע קומען:

ר' יעקב'ן האט אנגענומען אזיטערניש זיינע האר האבען זיך אים קאפויער געשטעלט פאר גרויס שרעק. דען אין יענע צייטען האט זיך קיינער נישט געוואלט איינשטעלען צו פאהרען אין אזעלכע וויטע לאנדער. בפרט אזא גרויסער עושר וויא ער וואס עס פעהלט אים נישט קיין שום גוטס. זאל ברויכען זיין ארייזענדער אויף דעם ים. אונ צו זאגען אז ער וויל נישט האט ער אויך נישט געקענט. בעוויל ער האט דאך פון איהם פיל גוטס געהאט. האט ער געבעטען דעם דוכס ער זאל אים געבען צייט דרייא טאג צו זיין אין דער היים אונ זאל זיך צו גרייטען אלעס וואס ער ברויך אין וועג ארויין. איז ער דערויף בעשטאנען. וויא ער האט זיך בעראטען מיט זיין ווייב אונ קינדער האבען זייא אים געהייסען פרעגען דעם רביין ר' פנחס פון קאריץ וואס ער זאל טוהן. האט ער אב געקוקט אצייט וואס דער רבי לאזט צו זיך אריין. דיא משמשים האבען זיך מיט אים זייער געפרייט. דען זייא האבען זיך גירעכט גוט בעלוינט צו ווערען אבער פונקט צו זיין אומגליק האט דער רבי פערמאכט דאס טירל פון זיין צימער אונ האט קיינים נישט ארייין געלאזט. וואס ער איז נאך קיין מאל אזוי נישט געוועזען. נאר ער האט אים געהייסען שפעטער קומען. וויא ער איז דער נאך געקומען איז ווידער געוועזען פערמאכט דאס טירל. אונ אזוי איז געוועזען דיא גאנצע דרייא טאג. ווען ר' יעקב איז געקומען איז פערמאכט געוועזען. וויא ער האט געזעהן אז דיא צייט איז קורץ ער ברויך שוין צו גיין צום דוכס. האט ער איבער געלאזט בייא דער רעביצין דאס קוויטיל אונ צווייא הונדערט רובל אפדיון. אונ ער האט זיא געבעטען אז וויא דער רבי וועט נאר עפענען דיא טירלעך פון זיין צימער זאל זיא אים געבען דאס קוויטיל מיט דעם געלד. דיא רעביצין האט זיך זייער געפרייט מיט דעם געלד

אונ

און ווי דער רבי האט נאר געפינט די טירלעך האט זי עס אים באלד געגעבן . און זי האט געמיינט אז דער רבי וועט איר זיכער געבן עפיס געלד זי זאל האבן ארויס צו טרייבן דאס ארימקייט פון שטוב ארויס . אבער דער רבי האט דאס געלד צו גענומען און האט עס בעהאלטן און זי האט דערפון גאר נישט בעקומען :

ווי אונזער ר' יעקב איז צוריק געקומען צום דוכים מיט א גוטין אנטווארט אז ער איז גרייט צו טוהן וואס דער דוכים הייסט אים . איז דער דוכים געווארן זייער פריילך . ער האט באלד גיהייסן איינשפאנען אשיינע קאטש און מען האט דארט ארויף גילייגט צוויי גרויסע קאסטינס . אין איינים איז גילעגין זיין בילד . און דער צווייטער איז גיוועזין פיל מיט געלד ער זאל האבן אויף הוצאות ביז ער וועט צוריק קומען פון דעם וויטין וועג . די בעדינערס זענען מיט גיפארין מיט אים ביז צו דער שיף . זיי האבין אויף גילייגט די צוויי קאסטינס און זענען זיך אהיים גיפארין צום דוכים . נאר ר' יעקב אליין איז אויף גיזעסין אויף דער שיף אפ צו רייזין צו דעם ארט וואס ער האט גיברויכט . ווי דער שיפס-קאפיטאן האט גיזעהן אז דער ייד פאהרט זיך אויף ערשטע קלאסס מיט די צוויי גרויסע קאסטינס האט ער זיך בעמערקט אז עס ליגט דארט זיכער פיל געלד . האט ער אהנגעהויבין זיכען עצות ווי אזוי דאס געלד צו בעקומען . איז אים איינגיפאלין אגוטע עצה . און עס איז אים גיראטין . אז ווי זיי זענען נאר גיקומין אויף דעם ערשטין אינזיל האט דער שיפס-קאפיטאן אפ גישטעלט די שיף און עס איז יעדער ארויס גיגאנגין פון דער שיף אביסיל שפאצירין זיך . און ער האט זיי גיגעבין אצייכין אז מען וועט טראמייטערין דריי מאהל זאלין זיי זיך אלע צוזאמין קומין אין דער שיף ארײַן . נאר ר' יעקב'ן האט ער אהנגעזאגט אז נאך דעם פערדין מאהל זאל ער קומין צו דער שיף . עס איז אזוי גיוועזין אז ווי מען האט נאר גיטראמייטערט דריי מאהל זענען זיי זיך אלע צוזאמין געקומין אין דער שיף ארײַן און האבין פון דארט אפ גירייזט . נאר ר' יעקב איז זיך אוועק גיגאנגין שפאצירין ווייטער פון זיי האט ער נישט גיזעהן ווי זיי לויפין צוריק . נאר ער האט גיווארט ביז מען וועט דאס פערדע מאהל טראמייטערין . ווי עס איז פערביי גיגאנגין אצייט און ער האט נים געהערט איז ער גילאפין צו דער שיף . אבער עס איז שוין קיין צייכין נים גיוועזן פון קיין שיף דען זיי האט שוין פון לאנג אפ גירייזט . ער האט נים גיוואוסט וואס צו טוהן . דען ער האט קיין עסין אויך נים געהאט . איז ער אלאנגע צייט ארום גיגאנגין זוכין אויף דעם אינזעל אפשר וועט ער גיפונין עפיס צו עסין .

האט

# ישראל וקדושתו

האט ער גיפונען אבוים פון קליינע בארלעך מיט גוט וואסער . און האט
דערפון געהאט צו עסין אויף א האלב יאהר :

פלוצלינג דערהערט ער פון ווייטינס וויא אשיף קומט אהן . איז ער צו
גילאפין מיט אלע קרעפטין און האט גיבעטין . דעם שיפס־
קאפיטאן ער זאל אים אויף נעמין האט ער אים אויף גענימען און איז
גיפאהרין ביז ער איז גיקומין צו א ישוב . און ער האט אנגעהויבין אהיים
צו פאהרין . וויא ער איז שוין גיקומין נאהנט צו זיין שטאדט האט ער זיך
אהנגעהויבין נאך צו פרעגין וואס עס הערט זיך דארט . האט מען אים
דער ציילט אז דער רוכים איז שוין לאנג אפ גישטארבין . האט ער זיך
גיפרייט דען ער וועט שוין נישט ברויכין מורא צו האבין . נאך האט מען
אים דערציילט אז ר' יעקב'ס גאנצע פארמעגן איז אפ גיברענט גיווארין .
און מען האט נאר נישט גיקענט ארויס ראטיווען . האט ער אויף דעם
אויך געדאנקט דעם אייבירשטין . וויא ער איז אהנגעקומין אין שטאט אריין
איז ער נישט אהיים גיגאנגין נאר ער איז גלייך גילאפין צום רבין . איידער
ר' יעקב איז אהנגעקומין האט דער רבי אהנגיזאגט דער רביצין מיט זיינע
משמשים אז זיא זאלין אהנגרייטין א גרויסע סעודה דען עס ברויך אהן צו
קימען א פיינער גאסט פון גאר וויט . וויא ר' יעקב איז אהנגעקומין איז
דארט גיווארין א גרויסע פרייד . ער איז באלד אריין גיגאנגין צום רבין .
האט אים דער רבי זייער פריינדליך אויף גענימען און האט אים גיפרעגט
מיט גרוים ליבשאפט וויפיל ברכות האסטו דארט גימאכט איבער וואסער
מיט פרוכטין ? האט ער גיענטפערט זעהר פיל . האט ער אים ווידער
גיפרעגט האסטו עס נאר גיטוהן מיט גרוים פרומקייט ? ענטפערט ער יא .
זאגט דער רבי צו אים יעצט וועל איך דיר שוין דערציילין . זאלסט וויסען
אז מען האט מיר צו וויסען גיטוהן פון הימעל אז עס גיפינט זיך אויף דעם
אינזעל אנשמה וואס איז דארט שוין פערוואורפין אלאנגע צייט . ברויך
איך אהין צו פאהרין זיא מתקן צו זיין . האב איך מיך שטארק גיפיינגט
און גיבעטין אז מען זאל מיך דער פון ארויס לאזין . האב איך נאר גיפועלט
אז איך זאל אהין שיקען א אנדערין תלמיד חכם . וועט זיין גלייך וויא איך
וואלט עס זעלבסט גיטוהן . האב איך גיזעהן אז עס טויג נישט דער צו
קיין אנדערער נאר דיא . נאר איך האב דאך גיוויסט אז דיא וואלסט
אהין נישט גיוואלט פאהרין . דעריבער האט זיך גימוזט פירין אויף אזא
אופן . יעצט נעם דיר דיינע צוויא הינדערט רובל וואס איך האב זיא
בעהאלטין נאך פון דאמאלס אהן . און מאך חתונה דיין טאכטער און וועסט
שוין צוריק לערנין און מיין בית המדרש וויא פריער . פון דאנין קענין מיר
זעהן

# ישראל וקדושתו

זעהן דאס גרויסקייט פון דעם הייליגן רבי'ן ר' פנחס זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אונ צו אלע יודין אמן.

## אווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגן צדיק ר' זושע פון אניפאליע זצוקלל"ה:

אונ דעם רבי ר' זישעס צייטין איז אין אניפאליע גיוועזן אגרויסער דוכים וואס דיא שטאט מיט אלע דערפער זענין זיין גיוועזין. אמאהל האט איינער פון זיינע קנעכט בייא אים גיגאנבים אגרויסע סוממע געלד אונ ער האט נישט געוויסט ווער עס האט דאס געטוהן. האט ער גימאכט אבלבול אויף דיא יודין פון דער שטאט אז זייא האבין עס גיגאנבים. אונ ער האט ארוים גיגעבין אבאפעהל אז וויא באלד זייא וועלין אים נישט אב געבין דאס געלד אין אקורצע צייט זאל זיך קיין שום יוד נישט געפינען. אונ שבאב. איז דיא גאנצע שטאט געקומין צו לויפין צום רבי'ן דערציילין דיא בייטערע גזרה. דאמאלס איז בייא דעם רבי'ן גיוועזן אגרויסער גביר פון דער שטאט קאריין וואס ער איז גיוועזין א גרויסער חשוב בייא דעם דוכים. האט דער רבי אים געשיקט צום דוכים ער זאל אים זאגין אז דער רבי ר' זושע וועט אים צייט א יאהר אב געבין דאס געלד. אונ דער גביר האט דערויף ערב גיוועזן. וויא עס איז געקומען אקליינע צייט פאר דעם בעצאהלין איז דער גביר געקומען צו פאהרין דערמאנין דעם רבי'ן פון דעם געלד. בעוויי ער האט דער פאר ערב גיוועזן. האט דער רבי אים גיענטפערט האב קיין מורא נישט. וויא עס איז געקומין איין טאג פאר דער בעשטימטע צייט וואס מען האט שוין געברויכט דאס געלד צו געבין. האט דער רבי גישיקט זאגין דעם דוכים אז צו מארגינס זאלין אלע זיינע קנעכט שטיין אויף דעם פלאץ וועט דער רבי בעוויזין גרויסע וווינדער. צו מארגינס האט מען זייא אלע אוים גישטעלט אויף דעם הויף פון דעם דוכים. דער רבי איז געקומין צו גיין מיט זיין שטעקין אין דער האנד זעהט ער וויא עס שטייען אוים גישטעלט אלע קנעכט אונ דער דוכים איז אויך גיוועזן דער בייא צו זעהן דיא גרויסע ווינדער. זאגט דער רבי צום דוכים עס פעהלט נאך איין קנעכט וואס איז אהער נישט געקומען. כען איז באלד גיגאנגין

זוכין

# ישראל וקדושתו

דינן האט מען געפונען אז עס איז נאך פערבליבן איינער אין שטאל וואס האט ארויס געווארפין דאס מיסט . מען האט אים ארויס גענומען אונ אויס גישטעלט גלייך מיט אלע . האט דער רבי אנגעהויבן זאגין „ובכן תן פחדך וכו'” האט דער פערבליבינער קנעכט אנגעהויבן צו שרייען אז ער בעט דער רבי זאל שוין נישט זאגין דיזע ווערטער דען אלע ציין הייבין אים אהן ארויס צו פאלין . אונ ער גייט שוין געבין דאס גאנצע געלד . ער איז באלד גילאפין אין שטאל אריין אונ האט אויף גיגראבין דאס געלד אונ דאס עס אפ גיגעבין . האבין אלע גיזעהן דיא גרויסע ווינדער פון דעם רבין זיין זכות זאל אונז ביישטיין אמן :

א געוויסער רבי איז אמאל געקומען צו א גרויסן גביר אים בעטן ער זאל ארויס העלפן זיינעם א קרוב, וועלכער איז זייער געד־ריקט. דער גביר האט זיך געפונען אין א קלעם: פון איין זייט, האט ער נישט געקענט אפזאגן דעם רבין, און פון דער צווייטער זייט, האט זיך אים נישט געגלוסט צו עפענען דאס בייטל. איז ער געפאלן אויף א המצאה און ער רופט זיך אן צום רבין: עי, דעם־א מיינט איר? ער איז דאך א ווייטער קרוב און איך העלף נישט קיין ווייטע קרובים... זאגט צו אים דער רבי:

— איר דאוונט יעדן טאג?

— א שאלה — ענטפערט דער גביר.

— ווי אזוי הויבט איר אן די שמונה עשרה? — פרעגט ווייטער דער רבי.

— וואס הייסט ווי אזוי? אלקינו ואלקי אבותינו, אלקי אברהם וכו'...

— אזוי גאר? — שרייט אויס דער רבי — ווי ווייט זענט איר דאס פון אברהם אבינו, גאנץ ווייט, הא? א ווייטער קרוב, פונדעסטוועגן רופט איר אים צו הילף און אז מען קומט צו אייך ענטפערט איר, אז איר העלפט נישט קיין ווייטע קרובים...